בס"ד

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים



## מאוצרות אמונים

### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### דער איסור פון מוחק ווען מ'טוהט תשובה

**"שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ"** (לה ב)

א אינטערסאנטע שאלה האט אנגעפרעגט האדמו"ר **רבי איציק'ל פון פשעווארסק** פון דעם **בעל 'דברי יואל'**: מיר טרעפן אין זוהר הקדוש (אחרי עה ב) אז די עבירות פון דער מענטש ווערן אויפגעשריבן אויף זיין שטערן, און דורך תשובה ווערן זיי אפגעמעקט. לויט דעם, וויאזוי מעג מען שבת תשובה טוהן, מ'איז דאך עובר אויף מלאכת 'מוחק'?

דער **'דברי יואל'** האט אים געענטפערט בפשטות: די ניין און דרייסיג אבות מלאכות וואס מ'טאר טוהן אין שבת זענען נאר אזעלעכע מלאכות וואס זענען געווען ביי די מלאכת המשכן (שבת צו ב), און דארט האט מען זיך נישט באנוצט מיט אזא סארט שריפט.

אויף א אנדערע וועג האט עס פארענטפערט **רבי שרגא פייבוש שנעבאלג** פון די לאנדאנער רבנים:

ביי די איסור 'מוחק' איז מען עובר נאר ווען מ'איז המוחק על מנת לכתוב (שבת עג א), און מחיקת עוונות פון דער וואס טוהט תשובה איז נישט 'על מנת לכתוב', ווייל דער רמב"ם שרייבט דאך (תשובה ב ב) אז איינס פון די תנאים פון תשובה איז: "ויעיד עליו יודע תעלומות שלא ישוב לזה החטא לעולם".

שו"ת 'שרגא המאיר' ח"א סימן ע

### דער קול פון די הייליגע כלים האט ערוועקט צו ברענגען נאך

**"מַרְבִּים הָעָם לְהָבִיא... וַיְצַו מֹשֶׁה וַיַּעֲבִירוּ קוֹל בַּמַּחֲנֶה לֵאמֹר אִישׁ וְאִשָּׁה אַל יַעֲשׂוּ עוֹד מְלָאכָה לִתְרוּמַת הַקֹּדֶשׁ וַיִּכָּלֵא הָעָם מֵהָבִיא"** (לו ה-ו)

פארוואס האט משה רבינו אויסגערופן מ'זאל אויפהערן צו ארבעטן, און האט נישט געפאדערט מ'זאל אויפהערן צו ברענגען?

הרה"ק בעל **'אוהב ישראל'** פון אפטא ענטפערט לויט א מעשה וואס איז פארגעקומען אין זיין שטאט:

אין די שטאט אפטא איז געווען א 'שמש' וואס זיין תפקיד איז געווען צו קלאפן אויף די טירן פון די אידן זיי צו וועקן אויף תפילת שחרית. דער איד איז שוין געווען אין די עלטערע יארן, די קלאפ איז געווען זייער א שוואכע, פון דעסטוועגן יעדער וואס האט געהערט די קלאפ האט זיך אויפגעכאפט פון זיין שלאף און איז באלד געלאפן אין שוהל. דער סוד פון די הצלחה פון דער שמש איז געווען זיין דערהויבענע אויסזעהן, ער האט נאך זוכה געווען צו משמש זיין דעם רבי ר' שמעלקא פון ניקלעשבורג, און איז אליין אויך געווען א געוואלדיגער ירא שמים און זיין ארבעט האט ער געטוהן מיט א ברען און א חרדת קודש.

אויך ביי די מלאכת המשכן, ווען דער פאלק האט געהערט די קלאפערייען פון די ארבעט'ס כלים פון בצלאל און די אנדערע ארבייטער פון די משכן, האט זיך זייער הארץ ערוועקט צו ברענגען נאך פאר די מלאכת המשכן, אז זיי האבן נישט געקענט אויפהערן. וועגן דעם כדי זיי זאלן אויפהערן צו ברענגען, האט משה באפוילן מ'זאל אויפהערן צו טוהן א מלאכה וועגן די משכן.

'שפתי צדיקים' [לרצ"ה מרימנוב] פקודי

## רזי אמונים

מרמזי אמן בפרשה

### די פארבינדונג צווישן שבת און 'אמן'

**"אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' לַעֲשֹׂת אֹתָם"** (לה א)

אין מסכת ברכות (נג ב) זאגן חז"ל: "גדול העונה אמן יותר מן המברך", און מ'קען עס טייטשן אזוי: ווייל 'אמן' איז ר"ת 'א-ל מלך נאמן' (שבת קיט ב), קומט אויס אז אין די צייט וואס דער מברך דערמאנט נאר: 'א-ל מלך' (ביי די נוסח הברכה), דער וואס ענטפערט אמן לייגט צו דעם טיטול 'נאמן' וואס זיין באדייט איז - דער אויבישטער איז באגלייבט אויף אונז אז ער וועט אונז ווי שנעלער אויסלייזן אזוי ווי זיין צוזאג איז, און וועגן דעם איז דער מעלה פון דער וואס ענטפערט גרעסער פון דער וואס זאגט די ברכה.

אויך ווען די אידן זענען באפוילן געווארן איבער די מצוה פון שבת, אין אין דעם ציווי אריינגערעכנט דער חיוב צו גלייבן אין די גאולה - יום שכולו שבת, און וועגן דעם איז מרומז 'אמן' - וואס איז אויך א סימבאל אויף די אמונה צו די גאולה ווי אויבן דערמאנט - אין די ווערטער "אֵלֶּה הַדְּבָרִים" - וואס איז בגימטריה 297 אזוי ווי די גימטריה פון דיווארט 'אמן' מיט זיין מילוי (אל"ף מ"ם נו"ן).

'בת עין'

### צי דער משכן ווערט גערעכנט ווי א 'מקום תפילה'

**"בְּמַרְאֹת הַצֹּבְאֹת אֲשֶׁר צָבְאוּ פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד"** (לח ח)

"במחזית נשיא דאתין לצלאה בתרע משכן זמנא" (אונקלוס)

דער **בריסקער רב הגרי"ז** פרעגט א חקירה:

עס איז קלאר אז דער בית המקדש האט אויך געדינט אויף א פלאץ פון דאווענען, און אזוי שטייט (ישעיה נו ז): "וַהֲבִיאוֹתִים אֶל הַר קָדְשִׁי וְשִׂמַּחְתִּים בְּבֵית תְּפִלָּתִי...". אבער מ'דארף אריינטראכטן צי די משכן איז אויך אזוי געווען, אדער נאר דער בית המקדש?

פון די ווערטער פון אונקלוס אויף דעם פסוק אז די פרויען האבן געדאווענט ביי די אריינגאנג פון די אוהל מועד האט דער גרי"ז געברענגט א ראי' אז אויך דער משכן ווערט גערעכנט פאר א פלאץ פון דאווענען. און אזוי קען מען זיך אויך אויפדרינגען פון דער לשון פון דער **רמב"ם** (תפילה א ג): "והכל יהיו מתפללין נכח המקדש **בכל מקום שיהיה**", ערקלערט דער **'כסף משנה'** (שם): "בכל מקום שיהיה המקדש: סיי ווען עס איז געווען אין מדבר, סיי ווען עס איז געווען אין גלגל, שילה, נוב און אין גבעון, סיי ווען ס'איז שוין געווען דער בית המקדש געבויעט", זעהט מען אז דער משכן ווערט גערעכנט פאר א מקום תפילה.

'שעורי רמ"ד הלוי' על התורה

מ'קען צולייגן אז אזוי איז אויך געדרינגען פון דער מדרש (תנחומא במדבר ט): "ווען מ'איז געגאנגען חרוב מאכן דעם שטאט יריחו, האט יהושע זיי געזאגט: "ענק גייען זיך דארט אויפהאלטן אין לויף פון שבת, ענק זאלן זיך נישט דערווייטערן פון דער ארון מער פון צוויי טויזנט אמה אויף יעדע זייט, פארוואס? ענק זאלן קענען קומען דאווענען אקעגן דעם ארון אין שבת", זעהט מען אז דער משכן איז גערעכנט ווי א מקום תפילה.

### דער בית המקדש השלישי - אין זכות פון תפילה

**"אֵלֶּה פְקוּדֵי הַמִּשְׁכָּן מִשְׁכַּן הָעֵדֻת"** (לח כא)

"'הַמִּשְׁכָּן מִשְׁכַּן' שני פעמים, רמז למקדש שנתמשכן בשני חורבנין על עוונותיהן של ישראל" (רש"י)

**זאגט רבי מאיר'ל דזשיקובער:**

דער ערשטער בית המקדש איז חרוב געווארן צוליב די עבירה פון ביטול תורה (ירושלמי חגיגה א ז), און דעם בית שני האבן מיר אויך נישט זוכה געווען נאר נאך וואס מיר האבן מקבל געווען אויף אונז דעם עול תורה אין די צייטן פון אחשורוש (שבת א ז), אבער צום בנין הבית השלישי וועלן מיר זוכה זיין אין זכות וואס מיר וועלן זיך מחזק זיין אין תפילה. או אויף דעם האט דער פסוק מרמז געווען אין דער לשון: 'אֵלֶּה פְקוּדֵי הַמִּשְׁכָּן' - בגימטריה: 'קול תפילה', ד.מ. אז אין זכות פון 'קול תפילה' וועלן מיר זוכה זיין אויסגעלייזט ווערן און **דערמאנט** (מל' פקודי) ווערן מיט א ישועה מיטן אויפבוי פונעם הבית השלישי במהרה בימינו אמן.

'אמרי נועם'

### די דריי תפילות זענען מרומז אין 'משכן'

**ביום החדש הראשון באחד לחדש תקים את משכן אהל מועד** (מ א)

זאגט **רבי דוד אבוחצירא** הי"ד פון די חכמים אין תפילאלת וואס איז אין מאראקא:

יעדן טאג האבן די אידן געדאווענט דריי מאל אקעגן דעם משכן (רמב"ם תפילה א ג), און דאס איז אויך מרומז אין די ווארט 'משכן': 'מש' זענען ר"ת: 'שחרית, מנחה'. 'כן' איז בגימטריה ע' - ערבית.

'פתח האהל'



## "חברים כל ישראל ונאמר אמן..."

אין נאמען פון דער אר"י הקדוש ווערט געברענגט (שער הכוונות ענין ברכת השחר)
אז פארן דאווענען דארף מען מקבל זיין אויף זיך די מצות עשה פון 'ואהבת לרעך כמוך'
און ער זאל אינזין האבן ליב צו האבן יעדן איד אזוי ווי זיך אליין.
אויף די וואס זאגן די ברכות השחר צוזאמען אין שוהל, ווען איינער זאגט און דער אנדערער ענטפערט אמן,
שרייבט דער הרמ"ע מפאנו (שו"ת, קט): "אין לך רעים אהובים יותר מאלו"

### טייערער איד!

**דו קענסט יעדן טאג מקיים זיין, בפועל, די מצוה פון 'ואהבת לרעך כמוך' פארן דאווענען, הער אויס די ברכות פון דיין חבר און ענטפער נאך אים 'אמן', מיט דעם וועסטו אים מזכה זיין צו זאגן א מושלם'דיגע ברכה און דו וועסט מקיים זיין די מצוה פון 'ואהבת לרעך כמוך'.**

**ברכות השחר, אויפן קול, מיט כוונה, מיט א חברותא!**

# תענה אמונים

א בליק לויטן
סדר פון דאווענען

## קריאת שמע - די ערשטע קאפיטל 'ואהבת' (יא)

### וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך

"רבי אליעזר בן יעקב אומר: כל שיש לו תפילין בראשו ותפילין בזרועו וציצית בבגדו ומזוזה בפתחו, הכל בחיזוק [=איז ער פארזיכערט] שלא יחטא", שנאמר (קהלת ד יב): 'והחוט המשולש לא במהרה ינתק'" (מנחות מג ב).

ביי די ענדע פון די קאפיטלען פון קריאת שמע, נאך וואס דער אויבישטער האט אונז באפוילן די מצוה פון תפילין, האט די תורה אונז אויך באפוילן די מצוה פון מזוזה: צו שרייבן די קאפיטלען פון קריאת שמע אויף א קלף און עס ארויף לייגן ביי יעדע אריינגאנג פון די הייזער (שו"ע יו"ד רפה א; רמ"א שם רפז ב).

דער רמב"ם שרייבט אין ענדע פון הלכות מזוזה (ו יג): "חייב אדם להזהר במזוזה, מפני שהיא חובת הכל תמיד, וכל זמן שיכנס ויצא יפגע ביחוד השם שמו של הקדוש ברוך הוא, ויזכור אהבתו ויעור משנתו ושגיותיו בהבלי הזמן, וידע שאין דבר העומד לעולם ולעולמי עולמים אלא ידיעת צור העולם ומיד הוא חוזר לדעתו והולך בדרכי מישרים".

די ווערטער פונעם רמב"ם זענען געווען געוואוינט אויף די ליפן פון דער גאון רבי יחזקאל אברהמסקי, ווען ער האט עס נאכגעזאגט האט ער געוויינט מיט התרגשות און האט געזאגט: 'יעדע מאל ווען מ'גייט אריין צי ארויס פון דער הויז, נישט קיין אונטערשייד צוליב וואספארא סיבה, פלאנירן מיר געוויסע פלענער, אבער פאר אלעם דארפן מיר זיך אפשטעלן נעבן די מזוזה און געדענקען און אריינגעמען אז עס איז נישטא א זאך וואס איז אויף אייביג - נאר די איינע זאך אז השי"ת איז חי וקיים אויף אייביג. די מזוזה שרייט צו אונז יעדן טאג עטליכע מאל אז מיר זאלן איינחזר'ן די ווערטער און אריינקריצן אין אונזער מח! ('פניני רבנו יחזקאל' ח"א עמ' מט).

א וואונדערליכע ערציילונג ווערט דערציילט אויף הרה"ק דער רבי ר' ברוכ'ל פון מעזיבוש: איינמאל האט ער געדרימלט אויף די בעט אינעם צימער פון זיין רבי, רבי פנחס קאריצער, האט רבי פנחס געזאגט פאר זיינע שטוב מענטשן: ענק ווילן זעהן א אינטערסאנטער זאך, קומט אלע שטיין ארום די בעט פון רבי ברוך. ווען זיי האבן אזוי געטוהן האט רבי פינחס פארדעקט די מזוזה מיט זיין האנט, און רבי ברוכ'ל האט זיך אנגעהויבן צו שאקלען, ווי איינער וואס וויל אויפשטיין, ווען רבי פינחס האט אראפגענומען זיין האנט, איז ער ווייטער געשלאפן רואיג. אזוי האט רבי פינחס געטוהן עטליכע מאל, נאכדעם האט ער זיך אנגערופן: זעהט ווי שטארק איז די דביקות פון דער רבי ר' ברוכ'ל, אפילו ווען ער שלאפט איז ער איין מינוט נישט מסיח דעת פון זיין דביקות אין השי"ת ('סיפורי חסידים' ואתחנן).

### די שכר פון די מצוה פון מזוזה

די שכר פון די מצוה איז זייער גרויס, און דער וואס גיט שטארק אכטונג אויף דעם, איז פארזיכערט מיט אריכות ימים פאר אים און פאר זיינע קינדער, ווייל עס שטייט ביי דעם: "למען ירבו ימיכם" (שו"ע יו"ד רפה א). פון דעסוועגן זאל א מענטש נישט אינזין האבן ביים לייגן די מזוזה צוליב דעם, עס זאל אים אכטונג געבן אדער כדי צו באקומען שכר, נאר כדי ער זאל מקיים זיין די מצוה פונעם באשעפער (בן איש חי שנה ב' כי תבוא א).

אין יעדער הויז ווי עס איז דא א מזוזה ווי עס דארף צו זיין קען דארט נישט קיין שום מזיק געוועלטיגן (דרכי משה יו"ד רפו ד בשם המרדכי). נאך שרייבט דער ט"ז (יו"ד רפז ד): "יעדער וואס האט אין זיין הארץ יראת אלקים און וויל זיצן רואיג און נישט ציטערן פון שלעכטע רוחות ח"ו, זאל ער לייגן א מזוזה אויף יעדע טיר".

א שיינער רמז אויף דעם שטייט אין זוהר הקדוש (ח"ג דף ש ב): 'מזוזת' זענען אותיות 'זז מות' - אז עס לאזט נישט פאר קיין משחית שלעכט'ס טוהן און ער ריקט זיך אוועק פון זיין טיר. און אזוי האט אונקלוס הגר געטייטש אין מסכת עבודה זרה (יא ב) דעם פסוק: "ה' שֹׁמְרֶךָ" (תהלים קכא ה) - דער מענטש שלאפט אויף זיין בעט אינעווייניג און דער אויבישטער גיט אים אכטונג פון אינדרויסן דורך די מזוזה.

אין ירושלמי (פאה א א) ווערט געברענגט א מעשה מיט רבינו הקדוש: איינמאל האט איינער פון די חשובע שרים פון רוים געשיקט פאר רבינו הקדוש זייער א טייערע דיאמנט, און רבינו הקדוש האט אים צוריק געשיקט א מזוזה. ווען דער שר האט זיך אפגערעדט: איך האב געשיקט פאר דיר די טייערסטע זאך אויף דער וועלט, און דו האסט מיר געשיקט א זאך וואס זיין ווערד איז ווייניג... האט אים רבי געזאגט: דו זאלסט וויסן אז מיין גאנצע פארמעגן און דיין פארמעגן האבן נישט די ווערד פון די מזוזה, און נישט נאר דאס, דו האסט מיר געשיקט א זאך וואס איך דארף עס אכטונג געבן, און איך האב דיר געשיקט א זאך וואס דו קענסט שלאפן און דאס גיט אויף דיר אכטונג.

דער מהרי"ל דיסקין איז געווען געוואוינט ארויסשיקן שליחים איבערקוקן די מזוזות פון די ירושלים'מער איינוואוינער, ווען זייער געהאלט האט ער באצאלט פון די 'בית היתומים' קאסע וואס ער האט אויפגעשטעלט. ווען זיינע נאנטע האבן אים געפרעגט דערויף האט ער געענטפערט: עס איז ריכטיג איך זאל דאס באצאלן פון די געלט פון דער מוסד, ווייל עס שטייט אין תורה אויף די מזוזה: "למען ירבו ימיכם", קומט אויס אז דורך מקיים זיין די מצוה ווי עס דארף צו זיין וועלן פארווייניגערט ווערן די יתומים אויף דער וועלט, ממילא וועט דער מוסד האבן ווייניגער הוצאות ('אוצר הידיעות' ח"ב עמ' שפא).

### לייגן די האנט אויף די מזוזה

מנהג ישראל איז ווען מען גייט ארויס פון שטוב לייגט מען די האנט אויף די מזוזה און מ'זאגט: "ה' ישמר צאתי ובואי מעתה ועד עולם", אזוי אויך לייגט מען די האנט אויף די מזוזה אריינקומענדיג אין הויז (רמ"א יו"ד רפה ב).

א יונגערמאן איז אמאל געגאנגען צום 'חתם סופר' און אים געבעהטן אז ער וויל באקומען א היתר הוראה, ווען ער איז אריין אין צימער האט ער נישט געקישט די מזוזה, דער חתם סופר האט זיך אין הארץ געוואונדערט אויף דעם, אבער ער האט אים דן געווען לכף זכות, קען זיין אז נאר יעצט האט אזוי פאסירט, וועגן דעם האט ער אים געזאגט: קום מארגן נאכאמאל, אויפצומארגנ'ס האט ער ווידער נישט געקישט די מזוזה, און דער חתם סופר האט אים נאכאמאל אפגעשטיפט אויף מארגן. ווען דעם דריטן טאג האט ער ווידער נישט געקישט די מזוזה, האט דער חתם סופר אים געזאגט: דריי מאל האב איך דיך געזעהן ווי דו גייסט ארויס און אריין אין מיין צימער און קיינמאל האסטו נישט געלייגט דיין האנט אויף די מזוזה, ביזסטו נישט ראוי צו זיין א רב! ('אוצרות ההלכה' - מזוזה עמ' 153)

עס האט דערציילט דער מגיד רבי שלום שוואדראן זצ"ל: אין מיין יוגנט האב איך באגלייט דעם אלטן משגיח פון חברון, רבי לייב חאסמאן זצ"ל, מיר זענען ארויס פונעם בנין פון די ישיבה אין די חגי גאס און איך בין אים נאכגעגאנגען מיט יראת כבוד, נאך ארום הונדערט מעטער האט דער משגיח זיך פלוצלינג אפגעשטעלט און איז צוריק אויף זיינע פוס טריט, ער איז געגאנגען שטייט ביז ער איז אנגעקומען צו די אריינגאנג פון די ישיבה, דארט, אויף די שוועל פון די טיר האט ער אויפגעהויבן זיין האנט און עס ארויפגעלייגט אויף די מזוזה מיט א ברען, נאכדעם האט ער זיך אויסגעדרייט אהיים צו גיין. דער משגיח האט פארגעסן ארויפלייגן זיין האנט אויף די מזוזה, און וועגן דעם איז ער צוריק! ('קול חוצב' עמ' 292)

### די מזוזה ביי די טיר - איז א פלאץ פון תפילה

דער 'בן איש חי' שרייבט (ש"ב כי תבוא ג): ארויסגייענדיג פון שטוב זאל ער לייגן זיין האנט אויף די מזוזה און ער זאל זאגן: "ה' ישמור צאתי ובואי לחיים טובים ולשלום מעתה ועד עולם, א-ל שד-י יברך אותי ויתן לי רחמים" (וראה בקיצור שולחן ערוך יא כד). און מרן החיד"א ברענגט אז דער אר"י ז"ל האט זיך געפירט צו לייגן די פינגער 'אמה' אויף דער שם 'ש-ד-י' וואס מ'פירט זיך צו שרייבן פון אינדרויסן צווישן די פרשה פון 'שמע' און 'והיה', און דעמאלטס האט ער געדאוונט צום אויבערשטן ער זאל אים ראטעווען פון דעם יצר הרע ('ברכי יוסף' יו"ד רפה ד).

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## דער שרויף איז ארויס ווען דער מויל האט זיך פארמאכט

עס איז באקאנט פאר יעדן ווי ווייט האט האדמו"ר רבי שמעון נתן נטע בידערמאן זי"ע פון לעלוב מקפיד געווען אויף די הארבע זינד פון רעדן ביים דאווענען. אין זיין בית המדרש האט ער געהייסן אויסקריצן דעם איסור אויפן ארון קודש, און האט שטענדיג מעורר געווען זיינע חסידים אויף דעם.

אסאך פון זיינע חסידים און פון די וואס האבן צוגעהערט צו זיינע ווערטער און עס אנגענומען האבן דורך דעם געזעהן גרויסע ישועות, אזוי ווי ביי אונזער ערציילונג:

דער גרודער פון דער בארער וואס איז געהערט געווארן אין דער הויז פון פאמיליע ב. אין די שטאט ביתר עילית, האט צוגעברענגט אז די גאנצע פאמיליע איז געקומען מיטהאלטן, אלע האבן זיך צוזאם גענומען, פון גרויס ביז קליין און מיט נייגעריגקייט האבן זיי געקוקט אויף זייער טאטע, איז עס דען א קלייניקייט, זייער טאטע לייגט ארויף א פאליצע...

ווען די שרויפן זענען אין זיין מויל, אזוי ווי די אלע בעלי מלאכה, האט ער זיי נישט געקענט אפהאלטן, און די שמחה איז געווען ביזן הימל...

קיינער האט נישט אויפגעפאסט אויף דעם קליינעם מוישי אין עלטער פון א יאר מיט א האלב וואס איז ארום געקראכן, ער האט זיך אינטערעסירט אין עס קומט פאר, און האט זיך אריינגעשטיפט צווישן זיינע ברודער צו קענען זעהן זיין טאטע, אבער צו דעם שלעכטן מזל האט ער מיט זיין נייגעריגקייט געטוהן א מסוכנ'דיגע זאך...

נאר ווען דער פאטער האט געענדיגט ארייננשרויפן דעם לעצטן שרויף, און דער פאליצע איז געשטאנען פעסט אויף זיין פלאץ, האט איינער פון די קינדער זיך צייט געמאכט צו קוקן אויף דעם קליינער ברודער, און פלוצלינג איז ער אויפגעציטערט געווארן ווען ער האט באמערקט ווי דער קליינער ווערט דערשטיקט און האט זיך צוהוסט אויף א שרעקליכן אופן אן קיין אויפהער.

דער גרויסער יונגל האט מיט שרעק געשריגן און האט אויפגעמערקט זיין פאטער וואס האט נישט געווארט איין מינוט, ער האט באלד באשטעלט א אמבולאנס און זייער שנעל האט ער זיך געפינען ווי ער פליט צו די ריכטונג פון די 'הדסה עין כרם' שפיטאל אין ירושלים ווען זיין מויל הערט נישט אויף צו מורמלען קאפיטלעך תהלים.

אנקומענדיג אין שפיטאל האט מען גענומען דאס קינד אויף א עקס. רעי.. דארט איז קלאר געווארן אז ווי עס קוקט אויס האט דער קינד געוואלט נאכמאכן זיין פאטער, האט ער אריינגעלייגט א שרויף אין זיין מויל און עס אראפגעשלינגען... דער שרויף געפינט זיך יעצט אין זיינע קישקעס אויף א מסוכנ'דיגע פלאץ, און ווי שנעלער מוז מען עס ארויסנעמען בעפאר עס וועט שעדיגן אין די איידעלע גלידער אין די בויך.

א גרופע פון גרויסע פראפעסארן האבן זיך שנעל צוזאם גענומען זיך צו בעראטן, ווען עס איז געבליבן די באשלוס אז מ'מוז שוין אפערירן, א שווערע און א קאמפלעצירטע אפעראציע, ווי מ'וועט דארפן עפענען די בויך און אזוי ארויס נעמען דעם שרויף.

וויבאלד די אפעראציע איז פארבינדן מיט נישט קיין קליינע ריזיקע, און די ערהוילן פון דעם געדויערט א לאנגע צייט, האט דער דערשראקענער פאטער געטוהן וואס יעדער ערליכער איד טוהט; זיך אוועק געשטעלט אין א שטילע ווינקל און האט געדאווענט פון טיפן הארץ מ'זאל נישט דארפן צוקומען צו די אפעראציע און די שרויף זאל ארויסגיין אויף א נאטורליכן אופן.

נאכן ענדיגן זיין גערירטע תפילה האט ער זיך געוואנדן צו די דאקטורים און געבעהטן זיי זאלןווארטן אביסל, אפשר וועט דער שרויף אינצווישן אליינס ארויסגיין. אבער די דאקטורים האבן געלאכט הערנדיג זיין געבעהט, "עס איז נישט פארהאן קיין שום וועג אויף דער וועלט אז דער שרויף זאל אליינס ארויס גיין" - האט דער גרעסטער פון זיי זיך אנגערופן, ווען ער ווייזט אויף דעם בילד פון די עקס. רעי. וואס ער האלט אין די האנט.

זייער שווער האט ער זיי געקענט איבעררעדן זיי זאלן ווארטן, און ווען זיי האבן קוים מסכים געווען צו ווארטן, האט ער שנעל געקלינגען צו זיין חבר, א פייערדיגער לעלוב'ער חסיד, אז ער זאל באשטעלן א טעקסי אויף זיין חשבון און זאל שנעל פארן צום ציון פונעם רבי'ן זי"ע, דארט זאל ער צוזאגן אין זיין נאמען אז ער, פלוני בן פלוני, נעמט זיך אונטער פון היינט און ווייטער נישט צו רעדן בשעת'ן דאווענען און קריאת התורה, פון אנהויב ביזן ענדע, און ער בעהט אז דער רבי זאל בעהטן פאר אים ביים כסא הכבוד ער זאל זוכה זיין צו די ערווארטעטע ישועה און זיין זון זאל ווי שנעלער ארויסגיין פון שפיטאל, אן מ'זאל דארפן צו טוהן די אפעראציע.

דער חבר האט טאקע אזוי געטוהן, און אינצווישן, האבן די דאקטורים פאגעזעצט זייערע פיבערהאפטיגע צוגרייטונגען צו די אפעראציע. דער פאטער פונעם קינד האט געהאלטן זיין סעלפאון נעבן זיין אויער, ווען ער זאגט תהלים, און אין די זעלבע צייט האלט ער מיט ווי זיי חבר פארט צום רבי'נס ציון. אויך נאך ווען ער איז אנגעקומען צום ציון, האט ער ווייטער אויסגעהערט וויאזוי זיין חבר זאגט קאפיטלעך תהלים מיט גרויס געפיהל, און באלד נאכדעם די הייסע תפילה אויפן קינד, און די צוזאג אז ער וועט מער נישט רעדן ביים דאווענען.

אינצווישן האט מען געענדיגט די צוגרייטונגען צו די אפעראציע, דער דערשראקענער פאטער איז גערופן געווארן ער זאל באגלייטן זיין זוהן אויף נאך א עקס. רעי. אזוי ווי עס איז איינגעפירט אין אזעלכע פעלער, פעסט שטעלן דאס פונקטליכע פלאץ פון דער שרויף. דאס קינד האט מען אראפגעלייגט אויף די בעט, ווען דער פאטער ווערט געבעהטן ער זאל אנכאפן אגאנצע צייט.

אין דעם דערנעבנדיגן צימער איז געשטאנען דער מעכאניקער און האט אויסגעארבעט די בילדער, און פלוצלינג האט ער געגעבן א געשריי פון איבערראשונג און פון אומגלויבליכקייט, 'ניין.... עס קען נישט זיין! מ'זעהט אינגאנצן נישט דעם שרויף!'. ער האט געבעהטן מ'זאל איבערטוהן די עקס. רעי., אבער די רעזולטאטן זענען די זעלבע, דעם שרויף האט מען נישט געזעהן.

מיט די בילדער אין די הענט, האט דער פאטער זיך געאיילט צו די דאקטורים וואס האבן שוין געוואלט אפערירן, און זיי האבן נישט געגלייבט וואס זיי זעהן מיט זייערע אויגן, וואו איז פארשווינדן געווארן דער שרויף? עטליכע מינוט נאכדעם איז אלעס קלאר געווארן, דער שרויף איז ארויס אויף א נאטורליכן וועג.

דער פאטער וואס זיינע נערוון האבן שוין נישט אויסגעהאלטן די זארג האט געהערט און האט באלד אויסגעבראכן אין א געוויין פון התרגשות. די תפילה האט אויפגעטוהן, די ספעציעלע קבלה האט געטוהן. דער שרויף איז ארויס אויף א נאטורליכן אופן, אקעגן אלע אויסזוכטן.

פון שפיטאל האט ער זיך געאיילט צו די קבר פון דער לעלובער רבי, יעצט איז ער אליין אהין געפארן, דארט האט ער אויסגעבראכן מיט א געוויין פון שבח והודאה. די קבלה האט אויפגעטוהן, דאס שרויף וואס דער קינד האט אראפגעשלינגען, איז ארויס אין די צייט וואס דער מויל פון דער פאטער האט זיך פארמאכט פון צו רעדן ביים דאווענען.

'אוצרות פניני התורה' תרומה

עיצובים shay

"בני אמונים" ת.ד. 102 בני ברק | פקס. 08-9746102 | מייל. 9139191@gmail.com | ניתן לקבל עלון זה במייל מידי שבוע